Division of Labor Standards
Harriman State Office Campus
Albany, NY 12226
(518) 457-9000
(888) 469-7365

WE ARE YOUR DOL

NEW YORK STATE Department of Labor

www.labor.ny.gov

# אנווייזונגען פאר די ניו יארק סטעיט האספיטאליטי אינדוסטריע אויף יוניפארמס

אין די האספיטאליטי אינדוסטריע, מוזן ארבעטסגעבער קויפן אדער צוריקצאלן ארבעטער פאר געפאדערטע יוניפארמס. ארבעטסגעבער זענען אויך פאראנטווארטליך פארן צאלן פאר די מעינטענענס פון געפאדערטע יוניפארמס. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז פאראנטווארטליך איינצופירן די פאדערונגען פונעם לעיבאר געזעץ און צוצושטעלן די פאלגנדע אנווייזונגען אייך ארויסצוהעלפן מיטן אויספאלגן און צו פארמיידן די קאסטן פון יוניפארם מעינטענענס.

**פארמיידט יוניפארם מעינטענענס קאסטן:** יוניפארם איינקויפונג און מעינטענענס קען אויסקומען טייער. אן ארבעטסגעבער קען פארמיידן די יוניפיארם קויפן און מעינטענענס קאסטן דורכן טון **איינס** פון די פאלגנדע:

- באשטימט א קליידונג קאוד אנשטאט פאדערן א יוניפארם. ערלויבט ארבעטער צו טראגן געהעריגע קליידונג פון א ספעציפישע קאליר אדער מוסטער. זייט נישט צו ספעציפיש איבער דער קליידונג קאוד (נעמען פון פירמעס, ספעציפישע געשעפטן צו איינקויפן, קליידער איינצעלהייטן, א.ד.ג.) ווייל איר קענט מעגליך זיין פאראנטווארטליך פארן איינקויפן די קליידונג און באצאלן ארבעטער זיי צו רייניגן.

  **וואס איז א געפאדערטע יוניפארם?** א געפאדערטע יוניפארם איז קליידונג וועלכע אן ארבעטסגעבער פאדערט פון ארבעטער צו טראגן ביים ארבעט. דאס רעכנט אריין קליידונג וועלכע מוז ווערן געטראגן צו פאלגן סיי וועלכע פעדעראלע, שטאטישע, סיטי אדער ארטיגע געזעץ, באפעל, אדער רעגולאציע. קליידונג מיט אן ארבעטסגעבער'ס ביזנעס לאגא אויף דעם, אדער אנדערע ביזנעס אדווערטייזינג איז א געפאדערטע יוניפארם. אן ארבעטסגעבער מוז זיי קויפן און אויך באצאלן ארבעטער צו רייניגן דער סארט געפאדערטע יוניפארם.

  **וואס איז נישט א געפאדערטע יוניפארם?** געוועגליכע, געהעריגע, גאס קליידער, וועלכע אן ארבעטער קען אנטון ווען נישט ביי ארבעט, איז נישט א געפאדערטע יוניפארם. צום ביישפיל, שווארצע הויזן, ווייסע העמד, שווארצע פאלא העמד, א.ד.ג. אן ארבעטסגעבער דארף נישט קויפן אדער באצאלן ארבעטער פאר'ן מעינטענענס פון געהעריגע קליידונג.

- שטעלט צו א נאמען-צעטל אדער פארטוך וועלכע אן ארבעטער טראגט מיט געוועגליכע קליידער אדער מיט א קליידונג קאוד. האלט דעם נעים-טעג אדער פארטוכער ביים ארבעטספלאץ און רייניגט זיי אליין.

- קויפט און שטעלט צו א געפאדערטע יוניפארם וועלכע איז "וואש און טו אן." דאס איז א יוניפארם וועלכע אן ארבעטער קען לייכטערהייט וואשן מיט געוועגליכע קליידער, און קען עס אנטון צו ארבעט אן דריי-קלינינג, ביגלען, א.ד.ג. צום ביישפיל, א העמד מיט א לאגא קען זיין "וואש און טו אן." געבט פאר יעדן ארבעטער גענוג יוניפארמס אנצוטון, שטימענדיג מיט די דורכשניטליכע צאל טעג פער וואך געארבעט דורכן ארבעטער.

- וואשט די ארבעטערס' יוניפארם אליינס. באשטימט די אויפגאבע פון וואשן וועש צו אן ארבעטער אדער שיקט יוניפארמס צו ווערן וואשן דורך א סערוויס. זעט אז די ארבעטער זאלן זיך אנטון בשעת'ן ארבעטן און צוריקגעבן זייערע גענוצטע יוניפארם איידער אהיימגיין. אויב ארבעטער קלייבן אויס אליין צו וואשן זייער יוניפארם אנשטאטס נוצן דער ארבעטסגעבער-צוגעשטעלטע סערוויסעס, דאן דארפט איר נישט באצאלן יוניפארם מעינטענענס אזוי לאנג ווי דער וועש סערוויסעס זענען אומזיסט, ארבעט גוט, און גענוג אפט. מאכט זיכער צו מעלדן די ארבעטער וועגן דעם וועש סערוויס וואס איר שטעלט צו שריפטליך, אזוי ווי אויף א שילד אדער אין אייער ארבעטער האנטבוכל.

**אויב איר קלייבט אויס נישט צו מעינטעינ'ען געפאדערטע יוניפארם פאר'ן ארבעטער,** וועט איר זיין פאראנטווארטליך צו צאלן ארבעטער א געוויסע סומע יעדע וואך, אלס צוגאב צו געוועגליכע געהאלטער, צו רייניגן זייער אייגענע געפאדערטע יוניפארם. די סומע וועלכע מוז באצאלט ווערן געוואנדן אויף וויפיל שעות אן ארבעטער ארבעט פער וואך (זע אונטן).
יוניפארם מעינטענענס באצאלונג קען נישט אויפגעטוישט ווערן מיט אומזיסטע מאלצייטן אדער קווארטיר.

| 12/31/2024 – 1/1/2024 | נידריג<br>(20 אדער ווייניגער שעה פער וואך) | מעסיג<br>(איבער 20 און ביז 30 שעה פער וואך) | הויך<br>(איבער 30 שעה פער וואך) |
|---|---|---|---|
| **NYC** | $9.50 | $15.75 | $19.90 |
| **לאנג איילענד & וועסטשעסטער** | $9.50 | $15.75 | $19.90 |
| **רעשטע פון ניו יארק** | $8.95 | $14.80 | $18.65 |